תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

ב"ה

# שַׁאֲלוֹת אוּן יְדִיעוֹת

## אוֹיף

# פַּרְשַׁת רְאֵה

נאמען ________________________ נ"י

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

כיתה ג׳ (א) הר"ר הערשל גראס הי"ו

# שאלות אויף פרשת ראה

**- שבת מברכים חודש אלול -**

**א. פון וועלעכע שבט זענען געווען די וואס האבן געבענטשט די אידן ?**

פון שבט לוי.

**ב. ווען מען שניידט אפ די ביימער פון עבודה זרה ווי אזוי דארף מען אפשניידן ?**

מען דארף ארויסרייסן אלע ווארצלען ס'זאל נישט בלייבן קיין משהו ח"ו. (וועגן דעם שטייט אבד תאבדון דאפלט).

**ג. דורך וועמען זענען געקומען די השפעה פון די ברכות צו די אידן ?**

דורך די כהנים און לוים.

**ד. פארוואס דווקא דורך זיי ?**

ווייל זיי האבן געדינט אין משכן - בית המקדש.

**ה. פארוואס האבן די לוים נישט באקומען קיין חלק אין ארץ ישראל ?**

ווייל זיי האבן געדינט אין בית המקדש איז זייער חלק נאר אין בית המקדש.

**ו. פארוואס האבן זיי געדארפט וואוינען ביי אנדערע שבטים און נישט האבן קיין אייגענע חלק ?**

כדי יעדער שבט זאל האבן אַ זכות אז אַ לוי זאל וואוינען ביי איהם און וועט דורך איהם געבענטשט ווערן. (מיט אַ משל ווי אַ משפחה וואס איז געווען אין אַ מדבר, מ'האט געקאכט אין אַ גרויסע טאפ און דורך דעם וועט יעדער האבן צו עסן אין זכות פון איינעם וואס קען קאכן).

**ז. וואס איז דער שכר טאמער מען עסט נישט קיין בלוט ?**

עס וועט זיין דיר גוט און דיינע קינדער און אייניקלעך.

**ח. וואס לערנט מען ארויס פון דעם ברכה ?**

מה דאָך בלוט - וואס האט נישט קיין טעם און אַ מענטש ציהט נישט צו טוהן די עבירה - האט אזא גרויסע שכר, אויף אנדערע עבירות . . . אוודאי און אוודאי.

**ט. פארוואס האט די תורה גע'אסר'ט אלע טמא'נע חיות עופות און פיש צו עסן ?**

ווייל יודען זענען אַ הייליגע פאלק וואס דער אייבישטער האט ליב און זענען קינדער פון השי"ת וועגן דעם וויל דער אייבישטער זיי זאלן ריין און הייליג.

**דיברנו מעניני מאכלות אסורות - בלי הכשר הטוב.**

בברכת אַ גוט שבת

המלמד

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

פַּרְשַׁת רְאֵה

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

## זֹאת הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר תֹּאכֵלוּ:

פַּארְוָואס אִיז דֶער דָבָר אַחֵר דִי מֶערְסְטֶע טָמֵא?, וַוייל עֶר וֵוייזְט אַז עֶר הָאט אַ כָּשֶׁר'ע פִּיס, אוּן דֶער וָואס מַאכְט זִיךְ טָהוֹר אוּן בֶּאֱמֶת אִיז עֶר נִישְׁט טָהוֹר דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה.

אוֹיךְ אַ הוּנְט (כֶּלֶב) הָאט אִין זִיךְ דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה וַוייל עֶר וֵוייזְט אַז עֶר אִיז גֶעטְרֵיי פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט זִיךְ פַיין אוּן גוּט.

(כתבי האר"י הקדוש)

בס"ד

פַּרְשַׁת רְאֵה

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

## ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה.

דער פסוק הייבט אן מיט א לשון יחיד "ראה" און גייט באלד אריבער צו א לשון פון א רבים "לפניכם", מען קען ענטפערן דערויף אז די חכמינו ז"ל זאגן אין מסכת קידושין "לעולם יראה אדם עצמו כאילו כל העולם חציו זכאי וחציו חייב, עשה מצוה אחת הכריע את כל העולם לכף זכות, עשה עבירה אחת הכריע כל העולם לכף חובה", דעריבער זאגט די תורה צו יעדן מיט א לשון "יחיד", ראה זעה! מיט יעדע מעשה, מיט יעדע איינציגע פעולה וואס דו גייסט טאן, "אנכי נותן לפניכם", ברענגסטו פאר דיר און פאר די וועלט (לפניכם) ברכה וקללה, דיין איינציגע פעולה קען מכריע זיין די וואגשאל פון די גאנצע וועלט אויף גוט'ס אדער שלעכט'ס חלילה.

(תורת משה)

## את הברכה אשר תשמעו אל מצוות ה' אלוקיכם.

הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע האט אמאל געהערט ווי איינער זאגט די ברכות השחר זייער שטיל אז קיינער האט נישט געהערט, האט איהם דער דברי חיים גע'מוסר'ט דערויף און האט געזאגט אז דאס איז מרומז אין פסוק "את הברכה" די ברכות וואס זאגט יעדן טאג, "אשר תשמעו" דארף מען זאגן הויעך אז מ'זאל הערן און ענטפערן אמן, "אל מצוות ה' אלוקיכם" און דאס איז אויך פון די מצוות.

(עטרת חיים)

## וראה עינך באחיך האביון וגו' וקרא עליך אל ה' והיה בך חטא.

און דו וועסט קוקן אויפן ארעמאן און זוכן ביי אים חסרונות און חטאים און אן אויסרייד נישט צו געבן פאר אים א נתינה, זאלסטו וויסן אז "וקרא עליך אל ה' והיה בך חטא", השי"ת וועט באצאלן מדה כנגד מדה ער וועט דיר שטרענג קאנטראלירן און וועט געפינען ביי דיר אסאך גרעסערע חטאים.

(הרה"ק רבי שמעלקע מניקלשבורג זי"ע)

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

פַּרְשַׁת רְאֵה

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

## ואכלת שם לפני אלקיך ושמחת אתה וביתך.

א מתנגד האט אמאל געפרעגט הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע, פארוואס פאטשקענען די חסידים אזוי פיל געלט אויף סעודה'לעך אמאל א תיקון נאכן דאווענען, א מלוה מלכה און אמאל סתם אזוי לחיים, וכדו', איז דען נישט אסאך גלייכער מען זאל געבן די געלט פאר ארימעלייט, האט אים רבי יחזקאל'ע געענטפערט: מיר זעהן ביי מעשרות, די ערשטע יאר נאך שמיטה און אינעם צווייטן יאר, גיבט מען מעשר ראשון און מעשר שני, און ערשט ביים דריטן יאר גיבט מען מעשר ראשון און מעשר עני, אזוי אויך אינעם פערדן און פינעפטן יאר גיבט מען מעשר שני און ערשט ביים זעקסטן גיבט מען ווייטער מעשר עני, וואס האט מען געטוהן מיט מעשר שני, מען איז זיך צנויפגעקומען "היימישע אידן" און מען האט געגעסן און געטרינקען בחברותא, און ווי איר זעהט האט די תוה"ק געהייסן געבן פריער, און צוויי מאל אזויפיל פאר מעשר שני ווי פאר מעשר עני. (שיחות קודש)

## לשכנו תדרשו ובאת שמה.

אויב עס וועט זיין "לשכנו תדרשו" דו וועסט שטרעבן און נאכזוכן דעם דרך ה', וועט צום סוף זיין "ובאת שמה" און דו וועסט עס דערגרייכן, ווייל "הבא לטהר מסייען אותו". (תורת משה)

## ובערת הרע מקרבך.

א גרויסער אפיקורס האט זיך אמאל געווערטלט מיטן הייליגן חתם סופר זי"ע, אז ער האט שוין עובר געווען אויף אלע עבירות פון די תורה, בלויז איין עבירה האט ער איבערגעלאזט, די עבירה פון מאבד עצמו לדעת", האט אים דער הייליגער חתם סופר געענטפערט "ביי דיר איז עס שוין נישט קיין עבירה, אדרבה, עס איז גאר א מצוה פון "ובערת הרע מקרבך". (לשון חסידים)

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

## פַּרְשַׁת עֵקֶב

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה.**

וצריך להבין למה אמר אנכי ולא אמר אני, ובבעל הטורים איתא, ראה אנכי שבעשרת הדברות, וצ"ב מה הרמז בזה. ויש לרמז בזה מה ששמעתי מפ"ק של אדמו"ר הגאון הקדוש מצאנז זלה"ה, שיש שני בחינות באמונת הבורא ב"ה, שיש אחד המאמין בו מכח ציווי התורה הק' להאמין באלקי עולם, ויש אשר אין צדיק להאמונה כי רואה עין בעין בראיה חושית השגחת הבורא ית"ש, ובחינה זו יותר גדולה מהבחינה הראשונה, וזה שאמר ראה אנכי היינו שבעיניך תראה בחוש את האנכי ה' אלקיך שבעשרת הדברות ואל תאמין בו רק יהי' נראה לפניך אשר ה' הוא האלוקים, כן יה"ר שיטע בלבינו אמונתו כיתד שלא תמוט בב"א. (קדושת יום טוב)

**כִּי יַכְרִית ה' אֱלוֹקֶיךָ אֶת הַגּוֹיִם וגו' הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן תִּנָּקֵשׁ אַחֲרֵיהֶם אַחֲרֵי הִשָּׁמְדָם וּפֶן תִּדְרוֹשׁ אֱלוֹהֵיהֶם וגו'.**

וקשה למה תלה הכתוב אזהרת ע"ז בכי יכרית והרי איסור עבודה זרה שוה בכל זמן ואף בעת שהאומות יושבים על אדמתם. ועוד קשה מה שאמר הכתוב פן תנקש אחריהם אחרי השמדם מפניך, הלא אדרבה אחרי שיראו שנשמדו בעוונם לא יבקשו אחריהם, ועיין ברש"י ז"ל. וי"ל עפ"י דברי האבן עזרא והרמב"ן שפירשו את הפסוקים האלו דזו אינה אזהרה שלא לעבוד עבודה זרה כי הכתוב אומר לא תעשה כן לה' אלוקיך, אבל הזהיר הכתוב שלא לעבוד את השי"ת באותם העבודות שעובדים להבדיל את העבודה זרה. ולפי דבריהם יבוארו היטב כל הפסוקים, דסלקא דעתך לומר דמה שאסר הכתוב לעשות כדברי עבודתם להשי"ת אינו רק כל זמן שהגוים עוע"ז קיימים בעולם וטעם האיסור דכיון שהולך בדרכיהם ועושה כמעשיהם אפי' לשם שמים, יש לחוש שמא ימשך ויגרר לדעתם, אולם אחר השמדם מפניך אחרי שכבר הכרית ה' אותם מן העולם א"כ ליכא תו חשש לאמשוכי בתרייהו והיה מקום לומר דאז מותר לעשות כמעשיהם להשי"ת. וע"כ בא הכתוב ואומר "כי יכרית ה'" ואף אחרי השמדם לא תעשה כן לה' אלוקיך, ומטעם כי תועבת ה' אשר שנא עשו לפי ששורש מעשיהם הם מכוחות היצר וכוחות הטומאה והם תועבת ה'. (דברי יואל)

**אִישׁ כְּמַתְּנַת יָדוֹ כְּבִרְכַּת ה' אֱלוֹקֶיךָ אֲשֶׁר נָתַן לָךְ.**

וצ"ב הלשון כמתנת בכ"ף הדמיון, וי"ל דהנה הקב"ה פורע לכל אחד ואחד מה שהוא נותן לצדקה וכמו שאמרו חז"ל אין אדם נעשה עני מן הצדקה, ולכאורה כיון שהקב"ה מחזיר הכל לנותן הצדקה אם כן אין זה מתנת ידו כי לא נתן לו משלו כלום כי הקב"ה מחזיר את זה לו, אמנם זה הוא חסד מהשי"ת שאעפ"כ מחשיב כאילו הנותן צדקה נתן את הצדקה משלו ומברך אותו על זה, וזה שאמר הכתוב "איש כמתנת ידו" שהקב"ה מחשיב את נתינת הצדקה כמתנה משלו כברכת ה' וכו' דהקב"ה מברך אותו כאילו הוא נתן משלו. (דברי יואל)

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

צו די יארצייט פון:

# רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

## כ"ו מנחם אב תשל"ט

ווען אונזער הייליגער רבי ר' יואל טייטלבוים זכותו יגן עלינו איז נאך געווען א קליין אינגל, האט איהם זיין מאמע געקויפט א אויוון ס'זאל איהם ווארעמען אויף ווינטער ווען ס'איז זייער שטארק קאלט, אבער דער רבי זכותו יגן עלינו האט דאס נישט געדארפט, און האט דאס אוועק געגעבן פאר זיין חבר וואס זיי זענען געווען א ארימע משפחה זיי האבן נישט געהאט קיין געלט צו קויפן א אויוון און עס איז זיי געווען קאלט, ווען די מאמע פון דער רבי זכותו יגן עלינו איז געגאנגען אמאל באזוכן די ארימע משפחה און זי האט געזעהן די זעלבע אויוון ביי זייער שטוב האט זי דערציילט אז זי האט געקויפט אזא אויוון פאר איהר זוהן יואל'יש, האט איהר די ארימע פרוי געזאגט "דיין זוהן יואל'יש האט מיר עס געגעבן", און זיין מאמע האט געזעהן וועלכע צדיק ער איז, ווייל ער האט געמאכט א גרויסע מצוה.

ווען אונזער הייליגער רבי ר' יואל טייטלבוים זכותו יגן עלינו איז נאך געווען א קליין אינגל, האט איהם זיין מאמע געקויפט א אויוון

איינמאל ביינאכט נאך מעריב איז דער רבי זכותו יגן עלינו אביסל שוואך געווען און ער האט יענע נאכט נישט אריין געלאזט קיין מענטשן וואס זענען געקומען נעמען ברכות פון דעם רבי'ן זכותו יגן עלינו. צוויי בחורים האבן שטארק געבעטן דעם גבאי אז ער זאל זיי אריינלאזן נאר צו געבן די הענט פאר'ן רבי'ן, מיט גרויס מיה און פלאג איז איהם קוים געלונגען אז זיי זאלן קענען געבן די הענט פאר'ן רבי'ן, דער זעלבער צייט האט זיך דארט געפונען גאנץ א קליין בחור'ל ער האט זיך מיטגעכאפט מיט די צוויי בחורים, און אויך געוואלט געבן די הענט פאר'ן רבי'ן, ווען דער רבי האט געזעהן אז ס'איז שוין דא נאך איינער האט זיך דער רבי געבייזערט אויפן בחור'ל, ווי דער בחור'ל האט געהערט ווי דער רבי בייזערט זיך פארוואס מען האט איהם אריין געלאזט האט ער זיך שטארק פארשעמט און איז גלייך ארויס געלאפן פון רבי'נס שטוב, נאך די מעשה האט דער רבי נישט געקענט שלאפן א גאנצע נאכט פארוואס ער האט דעם בחור'ל פארשעמט, און גאנץ פריה האט דער רבי געהייסן אז מ'זאל גלייך גיין אויפזוכן דעם בחור'ל און איהם זאגן אז דער רבי זוכט איהם, און אז ער זאל קומען צו איהם, ווען דער בחור'ל איז אריין צום רבי'ן האט דער רבי אנגעהויבן איהם צו איבער בעטן ער זאל איהם מוחל זיין אויב ער איז געווארן נעכטן פארשעמט, פארשטייט זיך אז דער בחור'ל האט זיך געשעמט און געזאגט, דער רבי דארף מיר נישט איבערבעטן נאר פונקט פארקערט.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

## פַּרְשַׁת רְאֵה

# שְׁרֵייבּ אַרֵיין דִי אוֹת פוּן דִי וָוארְט בֵּיי זַיין טֵייטְשׁ

| | | | |
|---|---|---|---|
| וְסַרְתֶּם | א | | אוּן זֵייעֶרֶע גֶעדִינְטֶע בֵּיימֶער |
| הֲלֹא הֵמָּה | ב | | אוּן עֶטְץ וֶועטְס אָפְּקֶערְן |
| מְבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ | ג | | אוּן עֶטְץ וֶועטְס זִיצְן אִין אִיר |
| וִישַׁבְתֶּם בָּהּ | ד | | אוּן עֶטְץ זָאלְטְס מַאכְן פַארְלִירְן |
| אַבֵּד תְּאַבְּדוּן | ה | | אוּן עֶטְץ זָאלְטְס צוּבְּרֶעכְן |
| וְנִתַּצְתֶּם | ו | | אוּן עֶטְץ זָאלְטְס צוּשְׁטוֹיסְן |
| וְשִׁבַּרְתֶּם | ז | | וִוי דִי זוּן גֵייט אוּנְטֶער |
| וַאֲשֵׁרֵיהֶם | ח | | וֵוייל עֶטְץ זֶענְטְס נִישְׁט גֶעקוּמֶען |
| תְּגַדֵּעוּן | ט | | זָאלְט עֶטְץ מַאכְן כָּארְשְׁטְן |
| וְאִבַּדְתֶּם | י | | זָאלְט עֶטְץ צוּשְׁנֵיידְן |
| לֹא תַעֲשׂוּן | יא | | זֵיי זֶענֶען |
| לְשִׁכְנוֹ | יב | | מִיט זִיכֶערְקֵייט |
| תִדְרְשׁוּ | יג | | עֶטְץ זָאלְטְס מַאכְן פַארְלִירְן |
| כִּי לֹא בָאתֶם | יד | | עֶטְץ זָאלְטְס נִישְׁט טוּהְן |
| בֶּטַח | טו | | צוּ זַיין רִיהוּנְג |

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

# שְׁאֵלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת רְאֵה

מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

אוֹיף וֶועלְכֶע בַּארג אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דִי בְּרָכָה ?

◇ אוֹיפְן בַּארְג גְרִיזִים

◇ אוֹיפְן בַּארְג עֵיבָל

אוֹיף וֶועלְכֶע בַּארג אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דִי קְלָלָה ?

◇ אוֹיפְן בַּארְג גְרִיזִים

◇ אוֹיפְן בַּארְג עֵיבָל

וואוּ זֶענֶען גֶעוֶוען דִי צְווֵיי בֶּערְג ?

◇ אִין מִדְבָּר

◇ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

פוּן וואוּ הָאט מֶען גֶעדַארְפְט מַאכְן פַארְלִירְן דִי אָפְּגֶעטֶער ?

◇ נָאר פוּן דִי הוֹיעֶכְע בֶּערְג

◇ נָאר פוּן דִי הוֹיעֶכְע שְׁפִּיצְן

◇ נָאר פוּן אוּנְטֶער יֶעדֶע צְווייגֶעדִיגֶע בוֹים

◇ פוּן אַלֶע פְלֶעצֶער

פוּן וואוּ זֶעהְט מֶען אַז מְ'מֶעג מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת נָאר אַוואוּ דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶועט אוֹיסְוֶועלְן ?

◇ כִּי אִם אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר

◇ לְשִׁכְנוֹ תִדְרְשׁוּ וּבָאתָ שָׁמָּה

◇ וַהֲבֵאתֶם שָׁמָּה עוֹלוֹתֵיכֶם

וָואס וֶועט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער מַאכְן פַאר דִי אִידְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אַרֵיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ?

◇ דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶועט צוּבְּרֶעכְן דִי גֶעטְשְׁקֶעס פוּן דִי גוֹיִם

◇ דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶועט זֵיי מַאכְן רוּהְעֶן פוּן אַלֶע פֵיינְט

◇ דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶועט בְּרֶענְגֶען קָרְבָּנוֹת

וֶוען הָאט מֶען מַקְרִיב גֶעוֶוען אוֹיף אַ בָּמָה ?

◇ אִין מִשְׁכַּן שִׁילֹה

◇ דִי פֶערְצְן יָאר וָואס מְ'הָאט אֵיינְגֶענוּמֶען אוּן צוּטֵיילְט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

◇ אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם

וֶועלְכֶע קָרְבָּנוֹת הָאט מֶען מַקְרִיב גֶעוֶוען אוֹיפְן בָּמָה?

◇ חַטָּאת וְאָשָׁם

◇ נְדָרִים וּנְדָבוֹת

פוּן וואוּ זֶעהְט מֶען אַז מְ'מֶעג מַקְרִיב זַיין נָאר נְדָרִים וּנְדָבוֹת?

◇ לֹא תַעֲשׂוּן כְּכֹל אֲשֶׁר אֲנַחְנוּ עֹשִׂים פֹּה הַיּוֹם

◇ אִישׁ כָּל הַיָּשָׁר בְּעֵינָיו

◇ כִּי לֹא בָאתֶם עַד עָתָּה אֶל הַמְּנוּחָה

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

---

שְׁרַייבּ אַרַיין דִי וֶוערְטֶער וָואס פֶּעלְן

## בְּרָכָה אָדֶער קְלָלָה

⇐ רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם ________ ________

⇐ אֶת ________ אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ד' אֱלֹהֵיכֶם

⇐ וְ________ אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ד' אֱלֹהֵיכֶם

⇐ וְנָתַתָּה אֶת ________ עַל הַר גְּרִזִּים

⇐ וְאֶת ________ עַל הַר עֵיבָל:

---

## צוּ אַ פַּס

| | |
|---|---|
| וְנִתַּצְתֶּם | מִן הַמָּקוֹם הַהוּא |
| וְשִׁבַּרְתֶּם | אֶת מַצֵּבֹתָם |
| וַאֲשֵׁרֵיהֶם | תְּגַדֵּעוּן |
| וּפְסִילֵי אֱלֹהֵיהֶם | תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ |
| וְאִבַּדְתֶּם אֶת שְׁמָם | אֶת מִזְבְּחֹתָם |

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# קֶעסְטֶל רֶעטֶענִ׳ש

פַאנְג אָן צוּ גֵיין פוּן דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע קֶעסְטְלֶעךְ אוּן טְרֶעף אוֹיס דִי צְוֵויי פְּסוּקִים:

## רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה:

## וּשְׁמַרְתֶּם לַעֲשׂוֹת אֵת כָּל הַחֻקִּים וְאֶת הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם:

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | ר | א | ה | ו | ש | מ | | |
| ד | י | כ | נ | א | ר | י | ר | ת | ם |
| ת | נ | ם | ו | י | נ | א | ר | ש | ל |
| ן | י | א | ם | ה | כ | ו | ם | א | ע |
| ל | ק | ו | כ | ן | י | נ | י | ו | ש |
| פ | ל | ה | י | ל | ן | ת | ט | ת | נ |
| נ | ל | כ | נ | פ | מ | ש | פ | א | י |
| י | ה | ר | ב | י | ה | נ | צ | ת | כ |
| כ | ם | ו | ם | א | ת | י | ג | ה | ל |
| י | ה | י | א | ו | ם | י | ק | ח | ר |

וֶוען מְ׳עֶנְדִיגְט דַארְף מֶען צוּזַאם נֶעמֶען דִי אִיבֶּערגֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹתִיּוֹת
אוּן עֶס אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי קֶעסְטְלֶעךְ
וֶועסְטוּ טְרֶעפְן וִויפִיל יָאר אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי זַ"ל וֶוען עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן

☐☐☐☐  ☐☐☐  ☐☐☐☐☐☐☐  ☐☐☐

וֶועלְכֶע טָאג אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן ?
- ◇ כ"ו תַּמּוּז
- ◇ כ"ו אָב
- ◇ כ"ו אֱלוּל

וֶועלְכֶע יָאר אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן?
- ◇ תשנ"ב
- ◇ תש"מ
- ◇ תשל"ט

וואוּ אִיז זַיין הֵיילִיגֶע צִיּוּן ?
- ◇ אִין מִירוֹן
- ◇ אִין קִרְיַת יוֹאֵל
- ◇ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג